# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

עקב
תשע"ט לפ"ק
גליון פ"ג

## שאלה

**וואס זאל א מענטש טראכטן ווען ער שערט זיך זיין האר? איז דא עפעס וועגן האר וואס מיר קענען טראכטן דערוועגן?**

## ענטפער:

ס'איז אינטערעסאנט, ווען מען קוקט אויף מענטשליכע האר זעט מען אז גאר אסאך האר קען ארויסקומען פון די קאפ. האר, ווייסט איר, קומט נישט ארויס פון די מח – עס קומט ארויס פון די הויט פונעם קאפ-שארב. וויאזוי קען די הויט פון די קאפ פראדוצירן אזויפיל האר? קוק אויף א מענטש - ער האט א לאנגע בארד; אראפ ביז דא, און עס איז ארויסגעקומען פון די הויט פונעם פנים. ס'איז איינדרוקספול, ס'איז א נס אז הויט קען פראדוצירן דעם **וואל** וואס קומט ארויס פון די גאמבע.

די שאלה איז, פון וואו נעמט עס די הויט? און דער ענטפער איז אז ס'איז **א נס**; אלעס וואס מען עסט ווערט פארוואנדלט אין די צעלן פונעם קערפער צו א מאטריאל וואס ווערט גערופן "קעראטין", דורך א פראצעדור פון אסאך נסים. קעראטין איז די מאטריאל פון וואס האר איז צאמגעשטעלט. יעצט, דו קענסט נישט אליינס מאכן קעראטין. אויב דו וואלסט געקענט, וואלסטו געקענט ארויסנעמען א "פאטענט" אויף דעם און ווערן א מיליאנער איבערנאכט! ס'איז וואל! וויאזוי ווערט די שפייז וואס דו עסט וואל?! ס'איז גארנישט ווייניגער ווי א נס. הקדוש ברוך הוא האט געגעבן פאר'ן קערפער אזא וואונדערליכע מעגליכקייט אז עס קען נעמען עסט און עס פארוואנדלען אין די נויטיגע כעמיקאלן צו פראדוצירן די האר.

מען דארף אריינטראכטן אין דעם און זען די נסים פון השי"ת וואס ער מאכט אויף דער וועלט. ס'איז א נס. אודאי, מיר זענען צוגעוואוינט במילא האלטן מיר נישט אז ס'איז א נס – אבער עס איז גארנישט ווייניגער נס ווי סיי-וואס עס וועט נאר אמאל געשען.

איז ווען מיר עפענען אונזער אויגן און מיר קוקן זיך ארום, וועלן מיר זען אז **די וועלט איז פול מיט נסים**. נאר ווייבאלד מיר זענען זיי איינמאל און דערנאך קוקן מיר מער נישט; מיר טראכטן בכלל נישט וועגן דעם. אבער אויב מען וועט אנהאלטן צו קוקן אויף זיי נאכאמאל און נאכאמאל – אויב מען וואלט געטראכט וועגן די זאכן יעדעס מאל מען זעצט זיך אראפ אויפ'ן בענקל ביים שערער, דאן וואלט עס יעדעס מאל אריינגעגאנגען טיפער אינעם באוואוסטזיין, מער און מער, און ווי עלטער מען וועט, אלס מער איבערגענומען ווערט מען איבער די זאכן וואס השי"ת ווייזט אין נאטור. און מען ווערט א גרעסערער און גרעסערער **מאמין** אין השי"ת, בלויז דורכ'ן קוקן אויף די האר פונעם קאפ – אדער אויף סיי-וועלכע אנדערע פון די **מיליאנען נסים**.

דאס איז די וועג וויאזוי עס איז אויך מיט אלע אנדערע געוואלדיגע געדאנקען, אלע תורה'דיגע השקפות וואס מען וויל קונה זיין. **חזרה איז דער שליסל**. דערפאר, אויב **יעדעס מאל** מען קוקט אויף אן עפל טראכט מען **די זעלבע געדאנקען** איבער און איבער, דאן ווען מען ווערט אן אלטער מענטש, ווערט מען אמת'דיג איבערגענומען פון אן עפל. עס גייט אריין אין מח, און דאס ווערט גערופן **"הקובע מקום לתפילתו"**. מען טוישט זיך נישט, צו זוכן אייביג נייע זאכן. מען שטייט אויף איין פלאץ, מען טראכט אריין אין איין **ענין**, נאכאמאל און נאכאמאל. פונקט ווי א מענטש וואס קאנצענטרירט זיך יעדן טאג און זאגן "ברוך אתה ה' שומע תפלה", הייבט ער אן עכט צו גלייבן אז השי"ת הערט אויס זיינע ווערטער. "כי **אתה** שומע" – דו הערסט! אויב זאגט מען דאס נאכאמאל און נאכאמאל – די ערשטע מאל מיינט עס נישט צופיל – אבער נאך א ווייל הייבט מען עס אן צו **שפירן** אז השי"ת הערט פאקטיש צו.

דער "מסילת ישרים" זאגט אז ס'איז נישט גרינג קונה צו זיין די הרגשה אז עס איז דא איינער וואס הערט צו. אבער אויב

מען ארבעט דערויף, נאך א ווילע, וועט מען באקומען א **ציור**, א בילד אינעם מח פון השי"ת וואס איז "מאזין ומקשיב" און ער הערט צו וואס מען זאגט. "כי אתה שומע" – דו הערסט, און "ברוך אתה ה' שומע תפלה" – איך דאנק דיר באשעפער פאר'ן צוהערן מיין תפלה. ווי מער מען זאגט עס, אלס מער ווערט עס איינגעקריצט אין די מחשבה. דאס ווערט גערופן "הקובע מקום לתפילתו" – מען דארף שטענדיג איבער'חזר'ן דעם זעלבן געדאנק נאכאמאל און נאכאמאל. זיכער גלייבן מיר אלע אז השי"ת הערט אויס אונזערע תפילות, אבער גלייבן שכל'דיג איז נישט די זעלבע ווי **"אמונה חושית"** – צו שפירן די אמונה אין אלעביינער.

און כדי מען זאל עס פאקטיש שפירן, איז וויכטיג פאר אונז צו ארבעטן אויף דעם געוואלדיגן פונקציע פון איבער'חזר'ן ווי איך האב פריער געזאגט. מענטשן וועלכע באשליסן פעסט אז זיי ווילן מאכן פארשריט אין לעבן, דארפן וויסן אז זיי מוזן איבער'חזר'ן. זיי מוזן כסדר **איבער-טראכטן** די גרויסע יסודות צו זיך אליינס, כדי זיי זאלן עס קונה זיין און עס זאל ווערן א **קנין** אין זייער **נפש**, אנשטאט אז עס זאלן בלייבן בלויז ווערטער וואס ווערן געזאגט מיט די ליפן. (טעיפ 918)

## שאלה

## ווערן עמאציאנאלע פראבלעמען פאררעכנט אלס יסורים?

### ענטפער:

זיכער. אבער עס ווענד זיך וויאזוי די עמאציאנאלע פראבלעמען זענען געקומען. רוב עמאציאנאלע פראבלעמען זענען דער רעזולטאט פון נישט גוטע מדות. צ.ב. ווען מענטשן זענען נוקם ונוטר, זיי קענען נישט פארגעסן וואס עמיצער האט זיי אמאל געזאגט, ברענט עס אין זיי און מאכט זיי קראנק. ס'איז בלויז די מענטשן וואס קענען פארגעסן, זיי קענען פארקוקן וואס עס איז געטון געווארן צו זיי, וועלכע קענען בלייבן געזונט. מען דארף עס סתם איגנארירן.

אזוי ווי די גמרא זאגט (סנהדרין ז' ע"א): "טוביה דשמע ואדיש" – ווי גוט איז פאר א מענטש וואס הערט וואס מענטשן זאגן און ער בלייבט גלייכגילטיג, "חלפוה בישתי מאה" – הונדערט שלעכטע זאכן גייען אריבער פון אים. דו ווערסט איבערגענומען וואס דיין שוויגער האט געזאגט דאס אדער יענץ?! ביזט א נאר; פארגעס עס און פארטיג! זי ווייסט נישט וואס זי רעדט. דיין ווייב האט דיר עפעס געזאגט – פארגעס דערפון – זי ווייסט נישט וואס זי רעדט. דיין מאן האט דיר עפעס געזאגט - איגנאריר עס; ער ווייסט נישט וואס ער רעדט. לייג נישט צו קיין קאפ.

דעריבער "ווי גליקליך איז דער מענטש וואס הערט און איגנארירט". סתם איגנאריר עס. ווייל ווען א מענטש איגנארירט נישט, עסט עס אים אויף. און ער באקומט עמאציאנאלע פראבלעמען. איז דערפאר דארף א מענטש טראכטן שכל'דיגע זאכן – טראכט וועגן הקדוש ברוך הוא, וויפיל גוטע זאכן טוט ער פאר דיר אין דער וועלט. טראכט ווי גליקליך דו ביזט אז דו האסט צוויי גוטע אויגן – רוב פון אייך האבן צוויי גוטע אויגן. דו האסט צו עסן, דו האסט א בעט צו שלאפן ביינאכט. דו האסט אזויפיל גוטע זאכן אין לעבן, איז פרוביר הנאה צו האבן דערפון. **"ראה בטוב השם"** – קוק אויף די גוטס פונעם אויבערשטן. און דאן וועט דיין כאראקטער אפטמאל אויסגעגראד ווערן און רוב פון דיינע עמאציאנאלע פראבלעמען וועלן ווערן אויס. (טעיפ E-12#)

## שאלה

## וואס קען א מענטש טון אויב ער קאנצענטרירט זיך אלץ אויף זיינע אייגענע פעלערן און אלס רעזולטאט שפירט ער זיך אראפגעקלאפט?

### ענטפער:

אויב ביזטו א מענטש וואס טראכט פון דיינע אייגענע פעלערן, דאן זאלסטו זיין שטאלץ מיט זיך. דו זאלסט זיך נישט שפירן אראפגעקלאפט. אויב דו ווייסט אז דו האסט חסרונות, ביזטו אן ערליכער מענטש.

דער פראבלעם איז ווען מען ווייסט נישט אז מען האט חסרונות – דאס איז דער פראבלעם! אבער אויב דו טראכסט אמת'דיג אז דו האסט פעלערן, דאן האט דער אויבערשטער דיר ליב. יעדער וואס אנערקענט זיינע אייגענע חסרונות, פאררעכנט אים הקב"ה אלס א צדיק. דאס איז בלויז נאך א פאל וואו מענטשן באשולדיגן זיך פאר'ן האבן גוטע מדות. (טעיפ E-12#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

בריל‏אנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**